**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/12/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שרייבט אונטער נייע געזעצן צו פארשטערקערן גאסן זיכערהייט, אפהאלטן טראפיק טויטפעלער און זיך נעמען שטרענג צו היט-ענד-ראַן צוזאמשטויסונגען**

***לעגיסלאציע (A.1007-A/S.2021-A) אויטאריזירט מוניציפאליטעטן צו רעדוצירן ספיעד לימיטס צו 25 מייל א שעה***

***לעגיסלאציע (S.3964/A.9163) העכערט די אפצאל סומעס פאר׳ן פארלאזן דעם ארט פון א קאַר צוזאמשטויס אן עס באריכטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל צו פארשטערקערן גאסן זיכערהייט, אפהאלטן טראפיק-פארבינדענע פאטאליטעטן, און זיך נעמען שטרענג צו היט-ענד-ראַן פאסירונגען. צוויי נייע געזעצן וועלן ערמעגליכן פאר מוניציפאליטעטן צו רעדוצירן ספיעד לימיטס אויף 25 מייל פער שטונדע און העכערן שטראף-אפצאל פאר׳ן פארלאזן א קאַר צוזאמשטויס ארט אן עס צו באריכטן.

״פאר יעדן ניו יארקער קומט זיך צו שפירן זיכער ביים פארן אויף אונזערע גאסן, צי זיי דרייוו׳ען, פירן א ביציקל, אדער גייען צופיס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די נייע געזעצן וועלן העלפן פארמיידן זינלאזע טראגעדיעס און שעדיגונג דורך זיך נעמען שטרענג צו צעווילדעוועטע און אומפאראנטווארטליכע דרייוו׳ען. היינט באשטעטיגן מיר ווידער אונזער טריישאפט צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן און ניצן יעדן רעסאָרס פאראן צו ראטעווען לעבנס.״

לעגיסלאציע (A.1007-A/S.2021-A) וועט העלפן פארמיידן טראפיק פארבינדענע צוזאמשטויסונגען און פאטאליטעטן דורך ערמעגליכן פאר מוניציפאליטעטן צו רעדוצירן ספיעד לימיטס צו 25 מייל א שטונדע. פארשונגען ווייזן אז שנעלערע דרייווינג ספידעס זענען פארבינדן מיט מער ערנסטע שעדיגונגען און פאטאליטעטן פאר פיסגייער אין פאל פון א צוזאמשטויס. אונטער׳ן איצטיגן געזעץ, איז דער געווענליכער מאקסימום ספיעד לימיט אין א שטאט, טאון אדער ווילעדזש קיינמאל נישט אונטער 30 מייל א שטונדע. דורך געבן פאר מוניציפאליטעטן ארטיגע קאנטראל אויף צו רעדוצירן ספיעד לימיטס, וועט די לעגיסלאציע פארבעסערן פובליק זיכערהייט און אפהאלטן פיסגייער פאטאליטעטן.

**סטעיט סענאטארקע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** ״אלס א ביציקליסט, ווייס איך ווי באאומרואיגנד עס קען זיין צו גיין אויף גאסן וואו ספיעד לימיטס זענען צומאל צו הויך. איך בין שטאלץ אז מיר קענען דורכפירן א קריטיש-וויכטיגע מיטל נייטיג אויף צו געבן די בייגזאמקייט פאר ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו קענען רעדוצירן ספיעד לימיטס אויף צו העלפן רעדוצירן טראפיק פאטאליטעטן אין ניו יארק סטעיט. מאכן גאסן מער אפגעהיטן פאר פיסגייער, ביציקליסטן, און אנדערע איז איבערהויפט וויכטיג אזוי ווי מער מענטשן זוכן פיסגייער-גינציגע ערטער צו וואוינען און ארבעטן.״

**אסעמבלי-מיטגליד איימי פאולין האט געזאגט,** ״פובליק זיכערהייט פארבעסערט זיך ווען ספיעד לימיטס ווערן רעדוצירט. א צאל קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט האבן אויסגעדרוקט דאס ווילן צו רעדוצירן זייערע ספיעד לימיטס, אריינגערעכנט עטליכע אין מיין דיסטריקט. מוניציפאליטעטן מוז געשאנקען ווערן די באפולמעכטיגונג צו נעמען דעם פראאקטיוון, און ווירקזאמען שריט אויף צו רעדוצירן פאטאליטעטן און די ערנסטקייט פון די שעדיגונגען וועלכע קענען רעזולטירן פון ספיעד-פארבינדענע צוזאמשטויסונגען.״

לעגיסלאציע (A.3964/S.9163) וועט פארמיידן היט-ענד-ראַן אינצידענטן און פארשטערקערן פובליק זיכערהייט דורך העכערן שטראף אפצאל סומעס פאר׳ן פארלאזן דעם ארט פון א קאַר צוזאמקראך אן עס צו באריכטן. היט-ענד-ראַן אינצידענטן זענען איבערהויפט מסוכן׳דיג ווען א מענטש ווערט געשעדיגט און דער דרייווער וואס איז שולדיג פארפעלט עס צו באריכטן, וויבאלד יענער וועט מעגליך נישט באקומען די פאסיגע באהאנדלונג ווען זיי נייטיגן זיך דערין. די לעגיסלאציע וועט העכערן די סומע שטראף אפצאל פאר׳ן פארלאזן דעם ארט פון א פערזענליכע שעדיגונג צוזאמשטויס אויף 750 דאלער ביז 1,000 דאלער און העכערן דעם שטראף אפצאל סומע פאר איבערגע׳חזר׳טע פארלעצונגען אויף 1,000 דאלער ביז 3,000 דאלער.

**סטעיט סענאטאר ענדרו גונארדעס האט געזאגט,** ״עס איז שענדליך און געמיין זיך אנצוקלאפן א מענטש מיט אייער קאַר און דערנאך אנטלויפן פון דעם ארט. היינט מאכט מיין ביל מען זאל פיל טייערער צאלן צו זיין א היט-ענד-ראַן דרייווער, דורך העכערן די שטראף אפצאל אויף ביז 3,000 דאלער. א דאנק אייך די אקטיוויסטן, לעגיסלאטארן און קאמיוניטי מיטגלידער וועלכע האבן געשטיצט דעם ביל, און א דאנק אייך גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ און האלטן ניו יארקער מער אפגעהיטן אויף אונזערע גאסן.״

פריער דאס יאר האט א באריכט פובליצירט דורך דער נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע געפונען אז טראפיק פאטאליטעטן דורכאויס דעם ערשטן האלב פון 2021 האט זיך געהעכערט אויף 18.4 פראצענט זינט דעם ערשטן האלב 2020, טראצדעם וואס פילע ניו יארקער האבן געארבעט פונדערהיים. אין צוגאב, ווייזט ניו יארק סיטי דאטא אז טראפיק פאטאליטעטן זענען געשטיגן מיט 44 פראצענט דורכאויס די ערשטע דריי חדשים פון 2022, דער טויטליכסטער אנהייב צו סיי וועלכן יאר זינט דער אנהייב פון דער שטאט׳ס ׳וויזשען זעראָ׳ פראגראם אין 2014. דורך איינשטעלן העכערע שטראפן אויף היט-ענד-ראַן אינצידענטן, וועט דער נייער געזעץ העלפן אדרעסירן העכערונגען אין טראפיק-פארבינדענע טויטפעלער און רעדוצירן צוזאמשטויסונגען אויף גאסן לענגאויס דעם סטעיט.

**דעניעל פלאנציג, אדוואקיר פארזיצער פאר ניו יארק׳ס גאנץ-סטעיטיגע ביציקל אדוואקיר ארגאניזאציע, ׳ניו יאָרק בייסיקלינג קאָעלישען׳, האט געזאגט,** ״געבן מוניציפאליטעטן די בייגזאמקייט צו נידערן וויהיקל שנעלקייט אויף זייערע גאסן איז א ריזיגע גרייכפונקט אין ׳וויזשען זעראָ׳ סטראטעגיע און אין רעדוצירן טראפיק געוואלד-פארברעכנס. מיר זענען באגייסטערט אז גאווערנער האוקול אנערקענט די וויכטיגקייט פון דער העכסט-צייטיגן ענדערונג. ניו יארק האט געזען א פרעצעדענטלאזע העכערונג אין היט-ענד-ראַן צוזאמשטויסונגען אין אונזער סטעיט במשך די פארלאפענע פאר יאר. דורך העכערן שטראפן וועט עס צוריקהאלטן אומפאסיגע-געפירעכטס פאר אונזערע מיטגלידער אין יעדן ווינקל פון דעם סטעיט.״

**איימי קאהען, די מוטער פון 12-יעריגער סעמי קאהען עקסטין, וועלכער איז אומגעקומען דורך א שנעל-פארנדע דרייווער אין 2013, האט געזאגט,** ״רעדוצירטע ספיעדס ראטעוועט לעבנס. צוליב דעם קעמפט דער ניו יארק סטעיט ׳סעיף סטריטס קאָעלישען׳ פאר ׳סעמי׳ס געזעץ׳, כדי צו ערמעגליכן פאר ניו יארק סיטי צו באשטימען רעדוצירטע ספיעד לימיטס. גלייכצייטיג, בשעת מיר פירן ווייטער דעם קאמף, זענען מיר זייער דערפריידט היינט אז גאווערנער האוקול שרייבט אונטער א פארבינדענע מאסנאם צו

ערמעגליכן פאר אנדערע עמפּלויער סטעיט ארטיגע אינסטאנצן צו באשטימען מער זיכערע ספּיעד לימיטס אויף זייערע גאסן. מיר ווייסן אז דאס וועט ראטעווען לעבנס און מיר דאנקען אסעמבלי-מיטגליד פאולין און סענאטארקע מעי פאר זייער צוזאמארבעט אין דער לעגיסלאטור דאס אויסצופירן. דאס קומענדע יאר קוקן מיר ארויס דורכצופירן דעם גאנצן 'צוזאמשטויס קרבן רעכטן און זיכערהייט אקט', ארייננגערעכנט 'סעמי'ס געזעץ'."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418